בס"ד

# עונג יום טוב

# ש"ע תש"ע

**גוט שבת גוט יום טוב אלע אידן.** "פרענק" זילבער (נישט זיין עכטע נאמען) איז געווען א פרייער איד וואס האט געהאט א יונגל. דער טאטע האט געוואלט אז דער יונגל זאל קענען א ביסל אידישקייט. דערפאר, האט דער טאטע געשיקט דעם יונגל צו לערנען אין חדר. איין טאג, ווען דער יונגל "משה" איז געווען בערך 9 יאר אלט, איז ער אהיים געקומען טראגענדיג א טלית קטן. ווען דער טאטע האט געזעהן די ציצית איז ער געווארן איבעראשט, ווייל ער איז געווען פריי. ער האט זיך קיינמאל נישט פארגעשטעלט אז זיין יונגל וועט ווערן אזוי פרום! דער טאטע האט געזאגט פאר זיין זוהן, אז ער מעג נישט אריין קומען אין דער היים אנגעטוהן מיט ציצית, ה' ירחם! דער יונגל איז געווארן זייער צומישט, ווייל זיין רבי האט אים מסביר געווען די גרויסקייט פון די מצוה פון ציצית און ער האט געקויפט פאר איהם זיין ערשטע פאר ציצית. משה איז אהיים געקומען אזוי פריילין מיט זיין נייע ציצית. אבער, זיין טאטע האט איהם יעצט געהייסן אז ער זאל עס אויסטוהן. מיט נאסע אויגן פול מיט טרערען האט ער אויסגעטוהן זיין טלית קטן פאר ער איז אריין געקומען אין דער הויז.

דער נעקסטע טאג, האט משה געוויינט צו זיין רבי אין חדר און ער האט איהם דערציילט די נעכטיגע פאסירונג. זיין רבי האט איהם געזאגט אז ער זאל נאכאמאל אהיים גיין טראגענדיג זיין טלית קטן.

יענעם טאג איז משה אהיים געקומען נאך אמאהל מיט ציצית. ער האט געעפענט די טיר פון זיין הויז מיט גרויס פחד. זיין טאטע האט איהם אנגעקוקט מיט א שטרענגע בליק. זיין טאטע האט געשאקעלט זיין קאפ און געזאגט: "אויב דו ווילסט טוהן אזוי מעגסט דו טוהן אזוי, ווייל עס אין דיין לעבן, און איך גיי דיך נישט שטערען." משה האט ווייטער געלערנט אין חדר און נאך דעם אין ישיבה. דער זוהן משה איז ב"ה אויסגעוואקסן א תלמיד חכם. נאכדעם, האט משה חתונה געהאט און איז ער געפארן לערנען אין כולל אין ארץ ישרא'. זיין טאטע איז אבער לײדער פארבליבן פריי.

משה פלעג שיקען פאר זיין טאטע תורה'ס אויף ענגליש יעדער וואך. איין וואך, האט זיין טאטע געליינט אז דער חפץ חיים האט געזאגט אז א איד זאל נישט אוועק גייען פון די וועלט פאר ער לערנט א בלאט גמרא. משה'ס טאטע איז געווארן איבעראשט. ער איז געווען אין די זעכציגער יארן און ער האט קיין מאל נישט געלערנט קיין גמרא. ער האט אפילו נישט געקענט די "אלף–בית."

דער טאטע האט אנגערופען זיין זוהן אין א"י, און ער האט איהם געזאגט אז ער האט געליינט די ווערטער פון דעם חפץ חיים זי"ע, און ער האט געוואלט לערנען גמרא. משה האט זיך דערפרייט אז זיין טאטע אינטערעסירט זיך אין אידישקייט. אבער משה האט געוויסט אז זיין טאטע איז געווען א "תינוק שנשבה" וואס האט קיין אידיש ווארט קיינמאל נישט געלערנט. דערפאר, האט משה געזאגט צו זיין טאטע: "ס'כדאי אפשר צו אנהייבן מיט לערנען חומש." דער טאטע איז האט זיך אויפגערעגט אויף זיין זוהן, ווייל ער האט געוואלט טוהן פונקט ווי די ווערטער פונעם חפץ חיים זי"ע. דערפאר האט ער שנעל אראפגעלייגט דעם טעלעפאן אינמיטן רעדן מיט זיין זוהן משה.

די נעקסטע טאג, איז דער טאטע מר. זילבער געגאנגען צו די שטאטישע ישיבה און ער האט געבעטן אז זיי זאל איהם אריין לאזן אין ישיבה. דער מנהל האט נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן צו א איד אין די זעכציגער יארן וואס האט אפילו נישט געקענט די אלף בית! פארשטייט זיך, אז דער מנהל האט געזאגט "ניין."

אבער, מר. זילבער איז נישט געווען גרייט צו הערן דעם ווארט "ניין." ער האט זיך פארעקשנט אז די ישיבה זאל איהם יא אריין לאזן. האט ער געזאגט פארן מנהל: "ס'איז נישט דא אזא זאך אז א איד מעג נישט לערנען קיין תורה. איך דארף קענען לערנען מיין דף גמרא." און נאך אסאך מוטשענען האט דער מנהל איהם געזאגט: "דו האלטס נאך ביים מדרגה פון חדר. גיי לערנען אין חדר."

אזוי האט טאקע מר. זילבער געטוהן. ער איז געגאנגען אין חדר בעטן אז זיי זאלן איהם אריין נעמען לערנען מיט די קינדער. ווען דער מנהל פון דעם חדר האט אויפגעהערט צו לאכן האט ער געזעהן אז מר. זילבער לאכט אבער נישט. דערנאך האט דער מנהל אויסגעהערט מר. זילבער'ס סיפור וועגן דעם חפץ חיים, וכו', אבער ער האט איהם נאך אלץ נישט מסכים געווען אריין צו נעמען.

די משנה זאגט "ולא הביישן למד." (אבות ב:ח) האט מר. זילבער געזאגט ער וועט נישט פארלאזן דער מנהל'ס אפיס ביז ער וועט איהם אריין נעמען אין חדר. צום סוף, האט דער מנהל געזעהן ווי שטארק זיין תשוקה איז געווען צו לערנען די הייליגע תורה, האט ער מסכים געווען איהם אריין צו נעמען ווייל ער האט געטראכט אז מר. זילבער איז א "תינוק שנשבה," וועגן דעם קען ער לערנען מיט די "תינוקות של בית רבן." באלד דערנאך, האט מר. זילבער גענומען זיין פלאץ צווישען די קינדער. דער מנהל האט געזאגט פאר די עלטערן אז מר. זילבער איז געקומען פון די "דעפארטמענט אוו עדיוקאישען" צו קוקען אויפען סדר הלימוד.

צוביסלעך האט מר. זילבער געשטיגן. דריי יאר שפעטער האט ער געהאלטן ביים מסיים זיין, זיין ערשטע בלאט גמרא. פארשטייט זיך אז עס איז געווען א גרויסע שמחה פאר איהם. ער האט גערופען אסאך רבנים צו זיין "סיום." הרה"ג ר' משה פיינשטיין זצ"ל וואס איז שוין געווען אלט און נישט געזונט, ל"ע, האט געהערט פון דעם סיום, ער איז געפארן 6 שעה אין אן עראפלאנן צו זיין ביים סיום.

די נאכט פון דעם סיום איז געווען א דערהויבענע נאכט מיט שמחה. אויך איז מר. זילבער'ס זוהן משה געקומען פון ארץ ישרא'. אלע חשוב'ע רבנים האבן גערעט, און מר. זילבער האט מסיים געווען זיין בלאט גמרא. יענע נאכט האט זיך מר. זילבער געלייגט שלאפען און צוגעמאכט זיין אויגען פארן לעצטע מאל. זיין לוויה איז געווען דעם נעקסטע טאג. ער האט מקיים געווען די ווערטער פון דעם חפץ חיים, זי"ע. (געהערט פון הרב אמנון יצחק שליט"א) די מעשה טוהט אונז מחזק זיין אין דעם ענין פון לימוד התורה בפרט אין די יום טוב פון שמחת תורה, ווען מען פריידט זיך מיט דער הייליגער תורה. מ'זעהט וויפיל איין איד האט אריין געלייגט אין לערנען און וויפיל ער האט זיך געמוטשעט מיט איין דף גמרא!

יעדער איינער דארף קובע עתים לתורה זיין לויט זיין מעגליכקייט. חז"ל זאגן אז ווען א איד קומט ארויף צו בית דין של מעלה פרעגט מען איהם: "קבעת עתים לתורה?" (שבת לא.) דער של"ה הקדוש ברענגט אז איינער וואס איז טרוד על המחיה ועל הכלכלה (פרנסה) דארף לערנען תורה "בכל העיתות שהוא פנוי מעסקיו וצרכיו." יעדע רגע וואס ער איז נישט עוסק אין פרנסה. (מסכת שבועות - פרק נר מצוה יא)

איינע פון די בעסטע צייטן צו לערנען איז נאכן דאווענען אינדערפרי. אזוי ווי דער מחבר ברענגט אז: "אחר שיצא מבהכ"נ ילך לבהמ"ד ויקבע עת ללמוד וצריך שאותו עת יהיה קבוע שלא יעבירנו אף אם הוא סבור להרויח הרבה:" (שלחן ערוך אורח חיים סימן קנה) דער משנה ברורה זאגט אויפן פלאץ: "היוצא מביהכ"נ ונכנס לבהמ"ד ועוסק בתורה זוכה ומקבל פני השכינה שנאמר ילכו מחיל אל חיל יראה אל אלקים בציון." (משנה ברורה סימן קנה:ב) דער משנה ברורה ברענגט ווייטער אז אפילו איינער איז אין גאנצען טרוד און ער קען נישט לערנען בקביעות נאכן דאווענען, זאל ער כאטש לערנען עפעס. ("אם אירע לו אונס שלא יוכל ללמוד בקביעות ילמוד עכ"פ פסוק אחד או הלכה אחת.")(מ.ב קנה:ד)

דער "דגל" ברענגט אויך אויפן פסוק "אלא פקודי המשכן משכן העדות וכו'" (שמות לח:כא) אז "סגולה גדולה לחברה (תפילה) בדברי תורה ותיכף אחר התפילה ילמוד אף דבר מועט." ס'איז א גרויסע סגולה צו לערנען נאכן דאווענען אפילו א קליינע שטיקל תורה. אפילו מ'לערנט נאר איין משנה אין פרקי אבות, וואס מ'טרעפט אין יעדען סידור, איז מען אויך יוצא. הרה"ג ר' משה פיינשטיין זצ"ל פלעג מסיים זיין משניות יעדען יאר נאר פון די משניות וואס ער האט געלערנט ווען ער האט צוזאמענגעלייגט זיין טלית און תפילין! **גוט שבת גוט יום טוב אלע אידן.**

**נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 362–3234 (845)**

**נאכדעם וואס מען ענדיגט לערנען אין בית מדרש: לייג צוריק די ספרים! תעשה את המצוה בשלמות!**